## פרשת אחרי א-ב ט׳-כ״ט ניסן תשע״ו לפ״ק

***יום ראשון פרשת אחרי א׳***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לאפיית מצות לחג הפסח, בבית האופה דסאטמאר (בראדוועי).

*

***יום שני פרשת אחרי א׳***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת שלעזינגער ע״ה (אלמנת הר״ר **שלום שלעזינגער** ע״ה).

בשעות אחר הצהרים עלה **רבינו שליט״א** לביתו החדש של הר״ר **יהודא שווארץ** הי״ו וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, שהתקיים ביחד עם סיום סדר מועד שבתלמוד בבלי, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער** הייליגער **חתם סופר** (פ׳ וירא סב:) זאגט א סגולה אז מען זאל האבן יונגלעך, אז מען זאל געבן צדקה. און ער זאגט, אז אברהם אבינו בשעת ער האט מכניס געווען די אורחים, די מלאכים, דעמאלטס איז אים געקומען די הבטחה פונעם אייבערשטען, אז שרה וועט האבן א קינד. זעהט מען אז די כח פון צדקה איז, אז מען זאל האבן א זכר. זאגט דער **חתם סופר**, ׳אשה כי תזריע׳ (ויקרא יב-ב), אז מען וועט געבן צדקה, צדקה ווערט דאך אנגערופן זריעה, זרעו לכם לצדקה (הושע י-יב), ׳וילדה זכר׳, וועט מען זוכה זיין צו א בן זכר.

**דער חתם סופר** זאגט עס אויף צדקה, און עס קען זיין אז עס גייט אויך ארויף אויף תורה. תורה איז אויך א בחינה פון זריעה, הלומד ואינו חוזר, כזורע ואינו קוצר (סנהדרין צט.). פארוואס ווערט עס אנגערופן א בחינה פון זריעה. ווייל ווען מען זייעט אן א פעלד, נעמט מען א קלייניגקייט, און מען לייגט עס אריין אין די ערד, און פון דעם ביסל, וואקסט ארויס אסאך און אסאך מער. תורה איז אויך פרה ורבה, מען לערנט אביסל, און נאכדעם עפענט זיך די קאפ, און מען איז מחדש, און פון דעם קומט מען צו, צו א צווייטן ענין, און צו א דריטן ענין. פון איין חלק פון תורה ווערט נאכדעם נתרחב, און עס ווערט דערפון מער.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **בעל שם טוב הק׳** זי״ע, אז די משנה (אבות ו-ג) זאגט, אז ווען מען לערנט ביי יענעם אפילו נאר א אות אחת איז מען מחויב נוהג כבוד צו זיין. אזוי ווי מען געפונט ביי דוד המלך, אז ער האט נישט געלערנט ביי זיין רבי, אחיתופל, נאר שני דברים בלבד, און ער האט אים נוהג כבוד געווען, און ער האט אים גערופן רבו אלופו ומיודעו, איז אוודאי א פשוטער מענטש וואס לערנט תורה ביי זיין רבי, דארף אוודאי נוהג כבוד זיין. פרעגט דער **בעל שם טוב הק׳**, אז דער צושטעל איז נישט די זעלבע. דוד המלך האט געלערנט ביי אחיתופל ׳שני׳ דברים, צוויי זאכען, איז א ראיה פון דארט, אז ווען מען לערנט ׳צוויי׳ זאכען דארף מען רופן רבו אלופי ומיודעו, ווי אזוי איז די ראיה אז אפילו ווען מען לערנט נאר ׳איין׳ אות, דארף מען אויך נוהג כבוד זיין.

**זאגט** דער הייליגער **בעל שם טוב הק׳**, ווייל תורה וואס איז נישט ערליך, איז נאר דא די תורה וואס מען לערנט, עס איז נישט דא עפעס אנדערש. אבער תורה וואס איז ערליך איז פרה ורבה, עס מערט זיך. דוד המלך האט געלערנט ביי אחיתופל שני דברים, אבער ׳בלבד׳, עס איז נישט צוגעקומען דערצו נאך תורה, עס איז נאר געווען די צוויי זאכען. אבער טאמער מען לערנט תורה ערליך, איז אפילו עס איז נאר איין אות, קומט נאכדעם ארויס דערפון אסאך מער תורה, איז אוודאי אז מען דארף נוהג כבוד זיין. - ׳אשה כי תזריע׳, ווען מען לערנט תורה ערליך, אז עס איז א בחינה פון זריעה, אז נאכדעם איז עס פרה ורבה, איז דא א הבטחה פונעם אייבערשטען אז ׳וילדה זכר׳.

**יהודא** זאל זיין געזונט, איז מחייב לומדי תורה. ער איז מחייב בעלי בתים, און ער איז מחייב רבנים אויך. מען קוקט ווי אזוי ער לערנט, ווי ער נוצט אויס יעדע מינוט, און ער איז ב״ה מסיים איין מסכת נאכן צווייטען, וועט דער אייבערשטער געבן אי״ה, אז ער זאל ווייטער קענען זיצען און לערנען מתוך נחת והרחבת הדעת. ער קומט אריין אין א נייע דירה, שלשה מרחיבין דעתו של אדם (ברכות נז:), זאל עס ברענגען הרחבת הדעת צו תורה

הק', און קענען מחנך זיין די קינדער ווי עס דארף צו זיין. און דער באשעפער זאל העלפען אי"ה די הבטחה וואס איז געווען ביי אברהם אבינו, למועד אשוב אליך כעת חיה ולשרה בן אי"ה, און אונז אלע זאל מיר געהאלפן ווערן מיט וואס אונז דארף מיר האבן.

**והפטיר רבינו:** מען זאגט, בורא עולם בקנין השלם זה הבנין. 'השלם' האט צוויי טייטשן, איינס אז עס איז נאכנישט פארטיג, און מען זאל עס צוענדיגען. און 'השלם', מען זאל עס קענען באצאלן. דער אייבערשטער זאל העלפען עס זאל זיין ביידע.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת שלשים של מרת בינער ע"ה (אשת הר"ר **יצחק בינער** הי"ו), ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת שלשים, פון א אשה חשובה, א אשת חבר. איך זאג אסאך מאל, אז אויף א מאן איז גרינג צו וויסען זיין מדרגה און וואס ער שטייט, מען טרעפט זיך מיט אים, מען זעהט אים אין בית המדרש, מען זעהט ווי אזוי ער לערנט, ווי אזוי ער דאווענט, ווי אזוי ער איז עוסק במצות. אבער א אידענע איז דאך כל כבודה בת מלך פנימה (תהלים מה-יד), די חשיבות איז, אז מען ווייסט נישט אירע מעשים. אז זי דרייט זיך נישט אינדרויסן, און מען זעהט איר נישט. ווי אזוי מעסט מען אפ א אשה חשובה מיט אירע מעשים. ווען מען זעהט די קינדער וואס זי האט ערצויגן, און מען זעהט אז מען ערציהט ערליכע יודישע דורות, זענען די קינדער מעיד אויף די מאמע, אז זי איז א אשה חשובה.

**אם** לא תדעו לך היפה בנשים, צאי לך בעקבי הצאן (שיר א-ח). דער יפה 'באנשים' קען מען וויסען, מען זעהט ווי אזוי ער לערנט, ווי אזוי ער דאווענט. אבער אם לא תדעו לך היפה 'בנשים', ווען דו ווייסט נישט ווער עס איז דער יפה ביי די נשים, צאי לך בעקבי הצאן, קוק נאך די שעפעלאך וואס מען האט ערצויגען אין שטוב, אין וואסערע טריטן זיי גייען, אין וואס פארא וועגן זיי גייען, וועסטו וויסען צו זאגן, ווער די מאמע איז געווען. - די נפטרת האט איבערגעלאזט ערליכע יודישע דורות, קינדער און אייניקלעך וואס גייען אלע בדרכי התורה, דאס אליין זאגט אז זי איז געווען א אשה חשובה.

*

**ווען** שלמה המלך רימט אין אשת חיל, ווער עס הייסט א אשת חיל, זאגט ער, בטח בה לב בעלה, דער מאן האט זיך פארלאזט אויף איר, ושלל לא יחסר (משלי לא-יא), און עס האט נישט געפעלט קיין שלל. מען רעדט דא פון צוויי פארשידענע נושאים, וואס האט נישט קיין קשר איינס מיטן אנדערן. בטח בה לב בעלה, איז טייטש אז זי איז געווען א עקרת הבית, דער מאן איז געווען רואיג אין שטוב, ער האט זיך געקענט פארלאזן אז זי טוט איר ארבעט. ושלל לא יחסר, און עס פעלט נישט פונעם שלל. וואס איז דער שלל, וואס איז דער פארמעגן. און וואס האט מען גע'גנב'ט דא, אז מען זאגט אז עס פעלט נישט פונעם פארמעגן.

**איך** האב היינט געטראכט, עס איז מיר געקומען אונטער די האנט א ספר פונעם **משנה שכיר, פישטיאנער רב**, ער איז געווען א אדם גדול מאד, ער איז אוועק ביי די קריג, און מען האט יעצט געטראפן כתבי ידות, און מען האט עס אנגעהויבן ארויסצוגעבן, און מען האט ארויסגעגעבן א ספר אויף פרקי אבות. שרייבט ער דארט (פרק ה' משנה י"ט), אז ווען מען איז מסיים ש"ס (סוף עוקצין), ענדיגט מען מיט די משנה, עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק שלש מאות ועשרה עולמות, דער אייבערשטער וועט מנחיל זיין פאר יעדן צדיק דריי הונדערט און צען וועלטן, שנאמר (משלי ח-כא) להנחיל אוהבי יש ואוצרותיהם אמלא. 'יש' איז דריי הונדערט און צען וועלטן, וואס דער אייבערשטער וועט געבן פאר יעדן צדיק. און דער פסוק ענדיגט, ואוצרותיהם אמלא, און זייערע אוצרות וועל איך אנפילן. וואס גיט צו די ווערטער 'ואוצרותיהם אמלא'. מען האט פריער געזאגט אז דער פרייז וואס מען באצאלט פאר א צדיק איז דריי הונדערט און צען עולמות, וואס איז טייטש, אז מען פילט אן די אוצרות.

**זאגט** ער זייער א שיינעם געדאנק. די וועלט זאגט, פארוואס באקומט מען דריי הונדערט און צען

וועלטן, פארוואס נישט מער אדער ווייניגער. ווייל יעדער יוד דארף מקיים זיין אלע מצות פון די תורה, און אין די תורה איז דא תרי"ג מצות, זעקס הונדערט און דרייצן מצות מדאורייתא, און נאכדעם איז דא זיבן מצות דרבנן. צוזאמען האט א יוד אויף זיך מקיים צו זיין, זעקס הונדערט און צוואנציג מצוות. די זעקס הונדערט און צוואנציג מצוות, איז א מספר פון כת"ר. וואלט לעולם יעדער יוד וואס פירט זיך אויף ערליך, און ער איז מקיים כל התורה כולו, געדארפט באקומען זעקס הונדערט און צוואנציג עולמות. און ער באקומט נאר די העלפט, דריי הונדערט און צען. פארוואס, ווייל כדי אז א צדיק זאל זיך קענען פירן ערליך, און שטייגן אין תורה און אין עבודת ה', מוז ער האבן א עקרת הבית וואס טוט אים צוהעלפען. דער יששכר דארף האבן א זבולון וואס זאל אים צוהעלפען. קומט אויס אז ער האט א שותף אין זיין ארבעט. ער דינט דעם אייבערשטען, און זי העלפט צו, אז ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. איז ממילא זיינע כת"ר עולמות וואס ער דארף באקומען, דארף ער זיך צוטיילען, ער באקומט האלב, און זי באקומט האלב, און ממילא באקומט יעדער נאר דריי הונדערט און צען וועלטן.

**גיט** ער צו זייער א שיינע נקודה. רש"י (דברים ז-ט) זאגט, אז איינמאל שטייט אין פסוק אז דער אייבערשטער איז שומר הברית והחסד 'לאלף' דור, און איינמאל שטייט דאפעלט, ועושה חסד 'לאלפים' (שם ה-י) פאר צוויי טויזנט דורות. זאגט רש"י, ווייל עס איז א חילוק צו א יוד דינט דעם אייבערשטען מאהבה, צו ער דינט מיראה. ווען מען דינט מיראה איז עס לאלף דור, אבער ווען מען דינט דעם אייבערשטען מאהבה, 'לאוהבי' ולשומרי מצותי, באצאלט דער אייבערשטער דאפעלט פון וויפיל מען באצאלט פאר א צדיק וואס דינט דעם אייבערשטען מיראה.

**קומט** דאך אויס, אז א צדיק וואס דינט דעם אייבערשטען, און מען גיט אים זעקס הונדערט און צוואנציג עולמות, דאס באקומט א צדיק וואס דינט מיראה. אבער א צדיק וואס דינט דעם אייבערשטען מאהבה, ער דינט דעם אייבערשטען מיט ליבשאפט, ער איז מקבל אלעס ווי אזוי דער אייבערשטער פירט עס. און זיין עקרת הבית דינט אויך דעם אייבערשטען מיט א אהבה, זי ווייסט אז דאס איז איר חלק, זי דארף שטיין צו הילף צו איר מאן, און טון וואס מען דארף צו טון, און זי נעמט עס אן באהבה. און דאס זעלבע איז ביי א תומך תורה, ווען דער יששכר דינט דעם אייבערשטען מתוך אהבה, און דער זבולון טוט ארויסהעלפן מאהבת ה', איז דער פרייז דערויף דאפעלט, צוויי מאל כת"ר. און ווען מען דארף זיך צוטיילען, צוטיילט מען יעצט צוויי מאל כת"ר, באקומט יעדער איינער דעם גאנצן כת"ר.

**זאגט** דער פסוק, להנחיל 'אוהבי' יש, פאר די אוהבים גיט דער אייבערשטער י"ש, אזוי ווי יעדער צדיק וואס באקומט דריי הונדערט און צען עולמות, אבער עס פעלט דאך אים די האלבע, 'ואוצרותיהם אמלא', זייער אוצרות טוה איך אנפילען, זיי באקומען נישט נאר דריי הונדערט און צען, נאר זיי באקומען די גאנצע זעקס הונדערט און צוואנציג עולמות, ווייל אז מען דינט דעם אייבערשטען מאהבה, איז דער שכר דאפעלט. קומט אויס, אז כאטש געוועונליך ביי יעדן צדיק איז דא ש"י עולמות, אבער ווען מען דינט דעם אייבערשטען מאהבה, להנחיל 'אוהבי', באקומט מען דאפעלט, 'ואוצרותיהם אמלא', דער אייבערשטער טוט אים אנפילן צו זעקס הונדערט און צוואנציג עולמות.

**ווען** שלמה המלך רימט די אשת חיל, רעדט מען דאך פון א אשת חיל וואס דינט דעם אייבערשטען מתוך אהבה, און אז די שטוב דינט דעם אייבערשטען מתוך אהבה, קומט דאך יעצט צוויי מאל כת"ר עולמות. געוועונליך ווען א מענטש האט כת"ר עולמות, צוטיילט ער זיך, דריי הונדערט און צען פאר זיך, און דריי הונדערט און צען פאר איר. אבער דא איז 'ושלל לא יחסר', דא וועט אים נישט פעלן פון זיינע עולמות, ער וועט באקומען זיינע גאנע זעקס הונדערט און צוואנציג עולמות. ווייל אז מען דינט דעם אייבערשטען מאהבה, צאלט דאך דער אייבערשטער דאפעלט פון וואס עס קומט זיך, וועט זי נאר אפנעמען די דאפעלטע וואס קומט, אבער די עצם זעקס הונדערט און צוואנציג עולמות, וואס מען האט געדינט דעם אייבערשטען מיט די כתר מצוות, ושלל לא יחסר, דער חלק וועט נישט

פעלן פונעם מאן, ווייל דער אייבערשטער באצאלט אים דאפעלט, כדי ער זאל בלייבען מיט אלע זיינע עולמות וואס עס קומט זיך אים.

*

***__יום שלישי פרשת אחרי א׳__***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר״ר **דוד לייב פאלל** הי״ו, שהתקיים בבנין הבית יעקב דקהלתנו בב״פ. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר הברית הלך **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת הר״ר **שמחה וואלדמאן** ע״ה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט״א** אצל הבר מצוה של בן ש״ב הרב **חיים אליעזר זילבער** שליט״א (בן כ״ק הגה״צ אבד״ק תולדות יהודא שליט״א, ונכד כ״ק הגה״צ גאב״ד סערדאהעלי שליט״א) שהתקיים באולם ת״ת סקווירא (ב״פ).

*

***__יום רביעי פרשת אחרי א׳__***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט״א** ליוניאן סיטי והשתתף אצל הברית של בן הר״ר **יעקב מאיר נוסענצווייג** הי״ו, ושל בן הר״ר **שמעון ירמיה שווארץ** הי״ו, שהתקיים בבית המדרש זוועהיל. **רבינו שליט״א** נתכבד במוהלות.

*

***__יום חמישי פרשת אחרי א׳__***

בשעות אחר הצהרים שימש **רבינו שליט״א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר״ר **גבריאל יהודא טעסלער** הי״ו, שהתקיים באולם רויאל מענאר.

בשעות הערב מכר **רבינו שליט״א** את החמץ להגוי, בנוכחות הגה״צ **אב״ד וואדקערט** שליט״א, הרה״ג **אב״ד בראשוב** שליט״א, הרה״ג רבי **אהרן ישעי׳ ראזנער** שליט״א דומ״ץ סאמבאטהעלי, הרה״ג רבי **אפרים צבי ראזענבערג** שליט״א דומ״ץ צמח צדיק וויזניץ וומסב״ג.

כעשרים דקות אחר השקיעה הלך **רבינו שליט״א** לשאיבת מים שלנו על יד בית האופה דסאטמאר (בראדוועי). אחר כך שאבו בני המשפחה ואנשי שלומינו שנוכחו במקום.

*

***__ערב שבת קודש – ערב פסח__***

בשעת חצות הלך **רבינו שליט״א** לאפיית מצות מצוה בבית האופה דסאטמאר (באולם בית רחל). אחר **שרבינו שליט״א** נתן המים להקמח לשם מצות מצוה, פתח באמירת הלל בהתעוררות עצומה. **רבינו שליט״א** המשיך גם בהכנסת המצות לתנור ברגשי קודש.

*

***__שבת קודש - א׳ דפסח__***

**רבינו שליט״א** עבר לפני התיבה לתפלת מוסף (טל). אחר התפלה בהגיעו לביתו נאוה קודש, נכנס **רבינו שליט״א** לבית המדרש סאמבאטהעלי לנשיאת כפים (היות שבקהלתנו הק׳ נוהגין שלא לעלות לדוכן בשבת קודש).

*

***__יום ראשון - ב׳ דפסח__***

בליל ב׳ דפסח זכו מספר מצומצם מבחורי אנ״ש להסב אצל הסדר של **רבינו שליט״א**. **רבינו שליט״א** השמיע לפניהם בתוך הדברי תורה דברי הדרכה והתעוררות (נדפס בגליון דברי תורה).

*

***__יום רביעי - ג׳ דחוה״מ__***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט״א** האפשערן של בן הר״ר **טובי׳ ליכטמאן** הי״ו.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט״א** לבקר אצל הר״ר **יהודא קאהן** הי״ו.

***__בתוך השיחה:__***

**רבינו:** איך האב היינט געזען שטיין פון **רבי אלחנן וואסערמאן זצ״ל** א שיינעם געדאנק. אז דער **רמב״ם** (הל׳ תשובה ה-ב) זאגט, אז א יעדער קען אויסוואקסען און זיין אזוי ווי משה רבינו. שרייבט רבי אלחנן, אז עס איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל זיין ווי משה רבינו, מיר האבן נישט די קאפ מיט די מוח אז מען זאל קענען זיין אזוי ווי משה רבינו. אבער דער פשט איז, אזוי ווי משה רבינו האט אויסגענוצט אלע זיינע כוחות וואס דער

אייבערשטער האט אים געגעבן, און ער איז געווען א עבד ה', דאס קען יעדער טון. יעדער קען אויסנוצן זיינע כוחות אזוי ווי משה רבינו האט אויסגענוצט זיינע כוחות.

זאגט ער, אז עס איז דא א קרבן וואס א עני ברענגט, און עס איז דא א קרבן וואס א עשיר ברענגט. דער קרבן פונעם עשיר איז אסאך מער פון דעם קרבן פונעם עני, אבער זיי האבן ביידע מקיים געווען די זעלבע מצוה. ווייל ער איז א עני, און ער קען נאר ברענגען א קרבן עני, און ער איז א עושר, און ער קען ברענגען א קרבן עשיר. אבער ביידע זענען די זעלבע, עס איז נישט א נפקא מינה צווישן דעם עני און דעם עשיר. דער עני האט פונקט אזוי מקיים געווען די מצוה ווי דער עשיר. משה רבינו איז געווען א עושר אין דעת, ער האט געקענט אסאך מער טון, מיר זענען עניים בדעת. אבער ווען א יוד טוט וואס ער קען טון, איז ער אזוי ווי משה רבינו.

*

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לבקר אצל הרב רבי **בערל שטראססער** שליט"א.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**הר"ר בערל:** מען קען מכבד זיין מיט א גלעזל היימישע וויין?

**רבינו:** פסח מישט מען זיך נישט. עס שטייט פונעם **בעלזער רב זי"ע**, אז ביי אלע ימים טובים שטייט אין די תורה אז מען זאל זיך פרייען צוזאמען, אתה ובנך ובתך ועבדך ואמתך והלוי והגר וכו' (דברים טז), אויסער ביי פסח שטייט נישט, ווייל פסח מישט מען זיך נישט.

**הר"ר בערל:** אין די משנה (זבחים ה-ח) שטייט, הפסח 'אינו נאכל' אלא בלילה, 'ואינו נאכל' אל עד חצות, 'ואינו נאכל' וכו', פסח עסט מען נישט...

**רבינו:** ביי מיין טאטע'ן אינדערהיים האט מען נישט אריינגעברענגט אין שטוב קיין שום מאכל, אויסער צוקער און זאלץ. מען האט געגעסן נאר וואס מען האט געמאכט אין שטוב. היינט קען מען שוין באקומען אין די געשעפטן באלד מער פון א גאנץ יאר. עס טאר גארנישט פעלן.

**א' מהנוכחים:** עס איז א שאלה על פי הלכה, אזוי ווי מען האט גע'אסר'ט קטניות און בונדלעך, ווייל עס זעהט אויס ווי ווייץ, די אלע מאכלים זעהן אויך אויס ווי די חמץ'דיגע מאכלים.

**רבינו:** אין **שו"ת ערוגת הבושם** (או"ח סימן קכ"ד) איז דא א תשובה וועגן סטארט"ש, אז עס קוקט אויס אזוי ווי מעהל, און עס טוט אויך די פעולה פון מעהל.

**הר"ר בערל:** די וועלט זאגט, אז אויב עס וואלט געווען קארטאפל אין די צייטן פון די גאונים, וואלט מען עס אויך גע'אסר'ט, אזוי ווי קטניות.

**רבינו:** עס איז דא פוסקים וואס זענען דן צו קארטאפל איז כמהין ופטריות, צו נישט. וויבאלד עס קומט ארויס פון ערד, אבער פון די צווייטע זייט, וואקסט עס נישט פון די לופט, עס וואקסט געהעריג. א טייל האבן וועגן דעם געמאכט דערויף די ברכה פון שהכל. דער **צעהלימער רב** האט א תשובה דערויף אין **מגדלות מרקחים** (או"ח סימן י"ח), און ער זאגט פשוט, אז אזוי ווי עס איז דא א מחלוקת זאל מען מאכען א שהכל.

**הר"ר בערל:** מיין טאטע פלעגט צו נוצן נאר שמאלץ, און ווען דער **צעהלימער רב** האט אנגעהויבן צו געבן א הכשר אויף אויל, אויך אויף פסח, האט ער געזאגט פאר מיין טאטע, אלעס וואס איך געב א הכשר, עס איך אויך אליין. איך עס פון בוטשער סטאר די זעלבע פלייש וואס עטץ קויפטס, איך שחט מיר נישט אליין. ער איז יעדע וואך געווען באקוקען ווי אזוי מען שחט, און ווי אזוי מען זאלצט. און זייט איך געב א הכשר אויף אויל, נוץ איך אליין אויך אויל אין פסח.

**רבינו:** ער האט אויפגעשטעלט די מאכלות כשרות דא אין אמעריקא, די מילך וכדומה.

**הר"ר בערל:** איך בין אמאל געווען מיטן **צעהלימער רב** ביי א בר מצוה, און ער האט גארנישט געגעסן ביי די בר מצוה, און ווען מען האט אים געברענגט וויין, האט ער געקוקט וואס פאר א הכשר עס האט, און טאמער עס איז נישט געווען זיין הכשר, האט ער נישט געטרונקען.

**רבינו:** ער פלעגט אנקומען אין פארם ווי מען האט געמאכט די מילך, אינמיטן די נאכט, און ווען עס האט געשנייט.

*

**ערב שבת קודש – שביעי של פסח**

בליל שביעי של פסח ערך **רבינו שליט"א** את השלחן בבית מדרשנו. אחר שזימרו ניגונים לכבוד החג השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בענין הנס של קריעת ים סוף. אחר כך עמד **רבינו שליט"א** לאמירת השירה פסוק בפסוק, ובסיום השירה רקדו כל הקהל ניגוני שמחה לכבוד היום. אחר ברכת המזון עברו קהל אנ"ש לקבל מצה (ביזת הים) מאת **רבינו שליט"א.**

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **מרדכי פישער** הי"ו (בן הרב **אלי' פישער** שליט"א, חתן הר"ר משה יוסף גלויבער הי"ו), שהתקיים בבית המדרש סעליש. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם.

*

**שבת קודש - אחרון של פסח**

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודה שלישית ונעילת החג. אחר שזימרו ניגוני סעודה שלישית, המשיכו לזמר כל סדר ההגדה, ואחר כך ניגוני התעוררות ודביקות.

בהדברי תורה התחיל **רבינו שליט"א** דבריו, אשר בשנה זו סיום חג הפסח חל להיות בשבת קודש, ובשבת קודש אנו מעידין על אמונתינו שיש בורא עולם, אשר ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וביום השביעי שבת וינפש. ובחג הפסח אנו מעידין על מה שהראה ה' שלא עזב את הארץ, ומשגיח עליה, ומשדד הטבע כרצונו, וממנה נמשך שורש האמונה אשר בקרבנו. - ועיקר המכוון הוא, לא רק כדי להתעורר בזה לפי שעה, אלא שישאר רושם על האדם לחיות בזה כל השנה, שתהא אמונתו חזקה טהורה וברורה, כי יש בעלים להבירה, והכל מושגח בהשגחה פרטית. וכל המאורעות שעוברין על האדם הכל מושגח לטובתו האמיתית.

והמשיך **רבינו שליט"א** שהזמן לעורר האמונה והבטחון שקנו במשך החג, היא בעת התפלה. כשאומר שירות ותשבחות לא-ל חי, ומביע גדולת ה', בזה מקרב עצמו להקב"ה ומעורר בעצמו לידע שיש לנו אב גדול בשמים, ששומע תפלת כל פה, ועושה כל מה שאנו מבקשים ממנו. - וצריך כל אחד לקבוע עצמו להתפלל במנין שמתפללים בו מלה במלה, והשעה שמתפלל יעצם עצמו בהתפלה, שישאר עליו רושם על כל היום כולו. וכשמסיים תפלתו ישהה כמה דקות, ויתבונן מה יהיה סדר יומו, ומה יהיה הנסיונות שלו, איזהו מסחרים צריך אני לעשות היום, איפה צריך אני להסתובב, ולחשוב איך יתנהג בכל המצבים האלו, שיהיה לנחת רוח לפני הקב"ה.

בסיום הדברים עורר **רבינו שליט"א** על כמה דברים הצריכים חיזוק, וביניהם: להזהר בזהירות יתירה בכלי הטעכנאלאגיע - לקבוע דירתו בימי הקיץ בין אנשים יראים ושלמים ובני תורה - להגות בדברי תורה בחבורות המיוחדים ללמוד ולהבחן מידי חודש בחודשו. וזה תוכן דבריו: ווען מען גייט ארויס פון דעם יום טוב פסח, דארף מען זיך מקדש זיין, מען דארף זיך פירן ערליך. טאמער פירט מען זיך נישט ערליך, איז נישטא ביי אים א השראת השכינה. און ווען ער גייט ארויס אין די געשעפטן, איז נישט שייך אז ער זאל קענען מצליח זיין, טאמער ער האט ביי זיך א כלי וואס טוט אוועקנעמען די שכינה. מען האט כמה פעמים גערעדט, אז די אלע וואס האבן די סארט כלים, איז נישט נאר אז עס דארף זיין משומר, נאר עס זאל אויך זיין ארויפגעלייגט דערויף א צייכן אז עס איז א כשר'ע כלי. איך חזר עס איבער נאכאמאל, **איך בעט פון יעדן איינעם ארויפצולייגן דערויף א סטיקער פון די קאמפאני וואס האט עס געפילטערט, אז יעדער זאל וויסן, אז עס איז א אפגעהיטענע כלי.** עס איז נישט קיין נפקא מינה פון וועמען, אבער עס זאל זיין דערויף א סימבאל, אז ער גייט ארום מיט א כשר'ע כלי.

**איך** וויל בעטן דא אין בית המדרש, **טאמער מען זעהט איינער נעמט ארויס סיי וועלכע כלי, און עס האט נישט דערויף א צעטיל, זאל מען אים מעורר זיין, און זאגן, אז מען קען נישט האבן א כלי וואס האט נישט אויף זיך קיין זיגל אז עס איז גוט.** און טאמער עס העלפט נישט, בעהט איך אז מען זאל מיר קומען זאגן, און איך וועל אים מעורר זיין. מיר זענען א הייליג פאלק, אזוי זענען מיר געווען ווען מען איז ארויס פון מצרים, און די קדושה גייען מיר אנהאלטן ביז משיח וועט קומען. און אזוי ווי מען איז ארויסגעגאנגען דעמאלטס פון גלות, ווייל היתה יהודה לקדשו, אזוי אויך איז דאס דער נסיון פון דעם לעצטן דור, אז מען זאל זיך פירן ערליך, און דורכדעם וועלן מיר קענען ארויסגיין פון דעם גלות.

**עס** קומט זומער, מען פארט אוועק, איבעראל איז דא נסיונות, און כל שכן ווען מען פארט אין די פרעמד. הרבה חברותא עושה (סוטה ז.), דאס אידישקייט איז אסאך תלוי אין וועלכע קאנטרי ער וועט זיין, צווישן וואספארא חברותא ער וועט זיין במשך דעם זומער. מען זיצט דארטן א גאנצן טאג, די בני בית אוודאי, און אז עס איז א שוואכע חברותא, טוט עס אראפציען דעם מענטש. און ער וועט אהיימקומען נאכן זומער גאר אן אנדערער סארט מענטש פון דעם וואס ער איז געווען פארדעם. יעצט איז די צייט, **בעפאר מען גייט ארויס אין קאנטרי, זאל מען זיך אויסקלויבן א פלאץ וואו עס געפינען זיך דארטן בני תורה. אויב עס איז דא א אדם חשוב אויפן פלאץ, איז אוודאי חשוב'ער, ווייל דארט ווי עס איז דא א רב, צו א דיין וכדומה, איז דא איינער וואס טוט כאטש האלב קאנטראלירן דעם מקום, אויב נישט איז דאס הפקר. און כל שכן אז מען ווייסט פון פריער אז מען קומט צו א שוואכע חברותא, זאל מען נישט זאגן, אז מען טרעפט דארטן צוויי דריי גוטע, קען מען גיין, ווייל די שוואכערע וועלן גובר זיין. מען זאל גיין נאר אויף א פלאץ ווי עס איז דא א ערליכע חברותא, כדי דער זומער זאל מרומם זיין דעם מענטש, און נישט חס ושלום אראפברענגען.**

*

**בראתי** יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. מען דארף דאנקען דעם אייבערשטן, אז אין די לעצטיגע נסיונות וואס מיר האבן, זייט עס איז ארויסגעקומען דער אינטערנעט, איז זה לעומת זה עשה אלקים, האט זיך אקעגן דעם גע'עפענט א קוואל פון תורה, וואו הונדערטער און טויזענטער אידן וואס האבן נישט געעפענט קיין ספר, זיצען און לערנען. די בתי מדרשים זענען פול געווארן מיט לומדי תורה, פון די אלע סארטן מסגרת'ן, וואס איז דא היינט אין אלע מקומות, וואס האט צוריקגעברענגט לימוד התורה. דער אייבערשטער פארלאזט נישט, פון איין זייט האט ער געברענגט דעם נסיון, און פון די אנדערע זייט האט ער געברענגט די תורה, וואס איז א תבלין אקעגן דעם יצר הרע. - **יעדער וואס האט נישט א שיעור מיט א חבר אויף א פריוואטער ענין וואס ער לערנט, דארף זיך מחבר זיין צו איינע פון די מסגרת'ן וואס איז דא. ביי אונז איז דא "ובהם נהגה", וואס מען לערנט יעצט מסכת שבת.** אויב קען ער שוין מסכת שבת, זאל ער זיך קובע זיין צו א צווייטע מסגרת, אבער ער דארף האבן א עול אדורכצולערנען יעדן טאג זיין עמוד גמרא.

**און עס איז נישט גענוג וואס מען לערנט, נאר מען דארף זיך אויך פארהערן.** מען קען עס קענען, עס איז נישט א בחינה פון שווערע שאלות אז מען זאל עס נישט קענען, יעדער יונגערמאן וואס האט אמאל געלערנט אין א ישיבה קען אדורכגיין די בחינות. ער דארף נאר וועלן, וועט ער עס קענען. ווען מען לערנט כדי צו נעמען א בחינה, לערנט זיך אנדערש. בשעת מען זעצט זיך אראפ לערנען, איז דער קאפ ביים לערנען, ווייל ער ווייסט אז ער דארף דאך קענען שפעטער אויך. און ער חזר'ט עס שטענדיג, ווען ער גייט אונטערוועגנס איז דער קאפ אין תורה, ווייל ער דארף איבער'חזר'ן און געדענקען וואס ער האט געלערנט. - **איך בעהט יעדן איינעם, ווער עס האט נאר א מעגליכקייט, זאל זיך קובע זיין אין דעם מסגרת וואס מען לערנט, און נעמען א בחינה דערויף סוף חודש.** צו קענען צען בלאט א חודש איז נישט אזוי סאך, אז מען זאל עס נישט קענען.

אחר ברכת המזון עברו קהל אנ"ש לקבל מצה מאת **רבינו שליט"א.**

*

***יום שלישי פרשת אחרי ב'***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל התנאים של בת הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א, עב"ג בן הרה"ג רבי **שלמה לייזער** שליט"א דומ"ץ צאנז ב"פ, שהתקיים באולם טאשנאד. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים חזר **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בת הרה"ג **אהרן זלמן יונגרייז** שליט"א (בן כ"ק האדמו"ר מגארליץ שליט"א, וחתן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), עב"ג בן הרה"ג **אליעזר צבי הורוויץ** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד סאטמאר מאנטשעסטער שליט"א, חתן כ"ק האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א) שהתקיים בבית המדרש גארליץ.

*יום חמישי פרשת אחרי ב'*

בשעות אחר הצהרים השמיע **רבינו שליט"א** דרשת '**פתיחת הזמן**' לבחורי חמד דקהלתנו וישיבתינו הק', במסגרת '**ישיבת בין הזמנים**' בבית מדרשנו בוויליאמסבורג.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**די** משנה (ברכות כח:) זאגט, אז רבי נחוניא בן הקנה פלעגט מתפלל צו זיין א תפלה ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש, און ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון בית המדרש. א יוד דארף האבן תפלה ווען מען הייבט אן צו לערנען תורה, און מען דארף געבן א שבח והודאה בשעת מען האט גע'ענדיגט לערנען. - עס קומט זיך יעצט צוזאם ביי אונזביידע צוזאמען. **א גרויס טייל פון די בחורים האבן ב"ה אטייל געגומען דא אין די 'ישיבת בין הזמנים', הונדערטער און הונדערטער שעות וואס האבן זיך צוזאמגעקליבען אין די צייט וואס מען האט דא געלערנט**, און מען ענדיגט יעצט אוועקצוגיין פון דעם ישיבת בין הזמנים. און עס איז א התחלה אויפן קומענדיגען זמן, וואס מען גייט צוריק לערנען אין ישיבה. און מען דארף געבן א הודאה פארן אייבערשטען, אויף דעם בין הזמנים וואס איז אדורכגעגאנגען, און מען דארף האבן א תפלה אויף דעם קומענדיגן יאר.

**בשעת** מען גייט ארויס פון בית המדרש דאנקט מען דעם אייבערשטען, מודה אני לפניך ה' אלקי, ששמת חלקי מיושבי בית המדרש, אז דו האסט געגעבן מיין חלק פון די וואס זיצען אין בית המדרש, ולא שמת חלקי מיושבי קרנות, און איך בין נישט געווען פון די יושבי קרנות. עס איז נישטא נאך אזא זמן ווי בין הזמנים, וואס אלע ישיבות זענען צוגעשפארט, און ווער עס האלט נישט ביים לערנען, קומט ליידער אן צו זיין צווישן די יושבי קרנות. **און אז א יוד האט געהאט שכל אויסצוניצן דעם בין הזמנים צו זיין אין בית המדרש, און זיך נישט ארומדרייען אין די גאסן און אנברענגען די צייט, און ער איז געזעסן מיט זיין חברותא און געלערנט, קומט א עקסטערע הודאה פארן רבונו של עולם פון טיפן הארץ. יעדער דארף דאנקן דעם אייבערשטען אז ער האט געהאט די זכיה אז ער איז געזעסן דעם בין הזמנים אין בית המדרש, און ער איז נישט געווען פון די יושבי קרנות.** און ווי מען זאגט ווייטער, שאני משכים והם משכימים, איך שטיי אויף פרי, און זיי שטייען אויף פרי, אני משכים לדברי תורה, איך שטיי אויף צו דברי תורה, והם משכימים לדברים בטלים, און זיי זוכן מיט וואס מען קען אדורכשטופען דעם גאנצן טאג. דארף מען געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, אויף וואס עס איז אדורכגעגאנגען.

**בכניסתו** מהו אומר, ווען מען קומט אריין אין בית המדרש דארף מען האבן א תפלה, בעטן פונעם אייבערשטען אז ער זאל האבן הצלחה אין תורה, אז עס זאל נישט פאסירן א תקלה על ידי, ולא אכשל בדבר הלכה, וישמחו בי חברי, עס זאל נישט צוקומען אז איך זאל האבען א טעות, און מיינע חברים וועלן זיך פרייען מיט מיין טעות. און איך זאל נישט זאגן על טהור טמא, ועל טמא טהור, ולא יכשלו חברי בדבר הלכה, ואשמח בהם, און מיינע חברים זאלן נישט האבן א טעות, און איך זאל מיך פרייען מיט יענעמס דורכפאל. מען דארף האבן א תפלה, און מתפלל זיין צום אייבערשטען, אז די תורה וואס מען גייט לערנען, זאל זיין א אמת'דיגע ערליכע תורה. מען זאל פארשטיין וואס מען לערנט, און מען זאל נישט צוקומען צו א מכשול. מען זאל זיך קענען אדורכקומען מיט די חברים, זיי זאלן זיך נישט פרייען מיט מיין דורכפאל, און איך זאל זיך נישט פרייען מיט זייער דורכפאל, און מען זאל קענען אויסנוצן די צייט וואס מען איז אין בית המדרש.

*

**עס** איז דא א פסוק אין קהלת (ז-כח), וואס שלמה המלך זאגט, אדם אחד מאלף מצאתי, איך האב געטראפן איין מענטש צווישן טויזנט. טייטשט דער מדרש (ויק"ר ב-יא), טויזנט תלמידים גייען אריין לערנען מקרא, אין חדר קומען אן טויזנט קינדער צו לערנען, אבער נישט אלע פון די טויזנט זענען מצליח, פון די גייען ארויס מאה למשנה, נאר א צענטל חלק קומען אן צו לערנען משנה. פון דעם קומט אן א צענטל חלק צו לערנען גמרא. ואחד להוראה, און איינע פון די טויזנט קומט אן צו הוראה. הוראה דאס איז די שלימות פון תורה, ער האט אדורכגעלערנט גאנץ ש"ס און שלחן ערוך,

און אויף יעדע שאלה וואס קומט פאר, ווייסט ער מדמה צו זיין מילתא למילתא, צו וואס עס איז דומה. פון טויזנט תלמידים שטייגט נישט יעדער אויס, נאר אחד מהם איז יוצא להוראה. פארוואס איז אזוי? פארוואס פון טויזנט תלמידים גייט נאר איינער ארויס להוראה, פארוואס קען נישט יעדער צוקומען דערצו.

**די** סיבה דערפון איז פשוט, ווייל מען דארף זיך אסאך פלאגן אנצוקומען. להבדיל ביי אומות העולם, צו גראדואירן פון א קאלידז"ש, און ווערן א דאקטער אדער א פראפעסאר וכדומה, דארף מען זיך אסאך פלאגן ביז מען קומט אן דערצו. און דער וואס האלט זיך נישט ביים פלאגן, דער קומט נישט אן דערצו. אזוי אויך צוצוקומען צו שלימות התורה דארף מען האבן אסאך און אסאך מער פלאג ווי עניני עולם הזה, און וועגן דעם איז נאר אחד מהם יוצא להוראה. אבער יעדער קען צוקומען דערצו, יעדער קען זיין דער אחד מהם יוצא להוראה. ווען מען לייגט זיך אריין אין תורה, און מען לערנט פלייסיג, און מען וויל נישט וויסען פון עפעס אנדערש, נאר פון לימוד התורה. אין די בחור'ישע יארן אינטערעסירט אים נישט קיין שום זאך, נאר צו זיצען און לערנען, קען ער צוקומען צו שלימות פון תורה.

**דברי** תורה צריכין חיזוק (ברכות לב:), דברי תורה דארף שטענדיג האבן חיזוק. ווייל אפילו מען הייבט אן מיט א חשק, איז אבער אלץ דא שוועריקייטן וואס טוען אראפשלעפן דעם מענטש, און ער דארף שטענדיג האבן א פרישען חיות, און א פרישען חיזוק אז ער זאל קענען ממשיך זיין און שטייגען. **די בחורישע יארן, דאס איז די שענסטע יארן וואס א מענטש האט אינעם לעבן**. מען איז יונג, און מען האט נישט קיין דאגה פון פרנסה, מען האט נישט קיין דאגות פון עולם הזה, מען קען זיצען און לערנען פון צופרי ביז ביינאכט אומגעשטערט. **ווען א בחור זאל באמת וועלן פלייסיג לערנען, איז ער נישט געשטערט פון קיין שום זאך, און ער קען זיצען און לערנען מן הבוקר ועד הערב, פון ווען ער איז אויפגעשטאנען ביז ער לייגט זיך שלאפן**. און וויפיל ער איז מצליח אלץ בחור, מיט דעם בלייבט ער זיין גאנץ לעבן, און דאס איז דער יסוד פונעם לעבן שפעטער. די וואס האבן מצליח געווען אלץ בחור, און זיי האבן אויסגענוצט די צייט, זיי וואקסען אויס שפעטער מגידי שיעורים, זיי וואקסען אויס תלמידי חכמים. אבער ווער עס פארפאסט די יונגע יארן, און ער ניצט עס נישט אויס פאר תורה, וועט עס זיך אנזעהן שפעטער אין משך פון זיין לעבן. ווי אזוי מען לערנט אין ישיבה, דאס לאזט איבער א חותם אויף א מענטש, ווי אזוי ער וועט אויסוואקסען שפעטער.

**טוב** לגבר כי ישא עול בנעוריו (איכה ג-כז), עס איז גוט פאר א מענטש, ווען ער האט א עול אין זיינע יונגע יארן. עס איז טאקע א עול, עול תורה, אבער טוב לגבר, עס איז די איינציגע עול וואס איז גוט פאר א מענטש, אז ער זאל האבן א עול פון תורה. חנוך לנער על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנו (משלי כב-ו), מען דארף מחנך זיין א קינד אין די יוגענט. און אז די יוגענט איז אים גוט, וועט ער אויך אויף דער עלטער אויסקוקען דער זעלבער ערליכער יוד וואס ער איז געווען אלץ בחור.

*

**די** תורה ווערט נישט נקנה נאר בעמל, נאר מיט פלאג, מיט עמילות בתורה, זיך פלאגן פאר תורה. אבער עס איז אן אינוועסטמענט וואס עס לוינט זיך, עס צאלט זיך אויס זייער שנעל און גרינג. יעדע זאך אין וואס א מענטש טוט אינוועסטירן, און ער וויל פארדינען געלט, דארף ער נעמען געלט, וואס ער האט זיך געפלאגט דערויף וואכן און חדשים און יארן, און עס משקיע זיין, כדי ער זאל קענען פון דעם מאכן א ביזנעס, צו ער זאל קענען פון דעם נאכמער פארדינען. און עס איז נישט זיכער אז ער וועט מצליח זיין, אבער ער פראבירט. ער גיט אוועק וואכן און חדשים און אסאך מאל יארן וואס ער ארבעט שווער, און נאכדעם נעמט ער דאס גאנצע געלט וואס ער האט פארדינט אין די יארן, און ער לייגט עס אריין אין א ביזנעס, כדי ער זאל קענען שפעטער נאכמער מצליח זיין. ער גיט אוועק פלאג פון יארן אין זיין לעבן, פאר א השקעה, און עס איז נישט זיכער צו ער וועט מצליח זיין צו נישט.

**אבער די השקעה וואס א בחור מאכט די יארן וואס ער איז אין ישיבה, און ער גיט עס אוועק פאר תורה, דאס איז א השקעה וואס צאלט זיך אויס שפעטער. עס לאזט זיך גארנישט זאגן וואס פאר א אנדערע סארט יוד ער איז, ווען ער וואקסט אויס א תלמיד חכם, וואס פאר א אנדערע סארט שטוב ער שטעלט אויף, ווי אזוי זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך קוקען אויס שפעטער. דער עמילות בתורה ברענגט אסאך רווחים אויף שפעטער.**

**שלמה** המלך זאגט (קהלת ב-ט), אף חכמתי עמדה לי, טייטשט דער מדרש (שם), שלמה המלך האט געזאגט, תורה שלמדתי באף, היא שעמדה לי. די תורה וואס איך האב געלערנט מיט א פלאג, עס איז אנגעקומען שווער דאס לימוד התורה, די תורה האט ביי מיר מצליח געווען. **מען קען לערנען תורה גרינג, ווען מען זיצט אנגעליינט אויפן בענקל, מען נעמט א גמרא וואס האט די פירוש המלות אינדערזייט, און ער קוקט עס שנעל איבער, ער האט אפגעלערנט וואס ער האט געלערנט, אבער דאס איז נישט א תורה וואס בלייבט. עמילות אויף תורה, פלאגן זיך אויף תורה, פארשטיין יעדע רש"י, פארשטיין יעדע תוספות, יעדע מהרש"א, און יעדע קצות, תורה שלמדתי באף, די תורה וואס איך האב געלערנט מיט א צארן, איך האב זיך מתגבר געווען און איך האב געלערנט, דאס האב איך געהאט שפעטער.** - און ווער האט עס געזאגט, שלמה המלך. שלמה המלך שטייט אין פסוק (מלכים א ה-ט) ויחכם שלמה מכל אדם, שלמה המלך איז געווען דער קלוגסטער מענטש אויף די וועלט. און מיט זיין גרויסע חכמה, האט ער געזאגט, אז די תורה וואס ער האט געלערנט באף, די תורה וואס ער האט זיך געפלאגט דערויף, דאס איז ביי אים געבליבן.

**עמילות** בתורה איז א חלק פון קנין תורה, אז מען וויל קונה זיין תורה, דארף מען זיך פלאגען אויף תורה. און יעדע פלאג וואס קומט אן פאר א מענטש שווער, און ער גיט עס אוועק פאר תורה, דארט ליגט זיין הצלחה. **זיין הצלחה איז נישט ווען ער האט א גוטען חבר, און עס גייט אים גרינג דאס לערנען, און עס שטערט אים נישט קיין שום זאך, נאר די הצלחה פון תורה איז, ווען ער האט שוועריקייטן, און ער איז זיך מתגבר דערויף,** לפום צערא אגרא (אבות ה-כג), וויפיל א מענטש פלאגט זיך, וויפיל צער ער האט, אזויפיל איז נאכדעם דער שכר דערפון. יגעתי ומצאתי תאמין, לא יגעתי ומצאתי אל תאמין (מגילה ו:), טאמער זאגסטו איך האב מיך נישט געפלאגט, און איך האב געטראפן, איך האב א גוטע קאפ, איך לערן און איך פארשטיי, עס וועט נישט בלייבען ביי דיר. יגעתי ומצאתי, וויפיל יגיעה דו האסט אריינגעלייגט, אזויפיל וועסטו טרעפן שפעטער.

**אז** מען וויל וויסען די חשיבות פון יגיעת התורה, צו וואס דאס טוט צוברענגען, שטייט אין די גמרא (מנחות ז.) אז אבימי, איינע פון די אמוראים, האט געהאט א תלמיד רב חסדא. און אבימי האט אויסגעלערנט מסכת מנחות פאר זיין תלמיד רב חסדא, און אבימי איז שפעטער אויף די עלטערע יארן נישט געזונט געווארן, און ער האט פארגעסן וואס ער האט געלערנט. איז ער אריבערגעפארן צו זיין תלמיד רב חסדא, דער רבי איז געפארן צום תלמיד, און ער האט געבעטן דעם תלמיד, אז ער זאל מיט אים איבערגיין גאנץ מסכת מנחות, וואס ער האט מיט אים געלערנט. לא הביישן למד (אבות ב-ה), ער האט זיך נישט געשעמט, אז דער רבי זאל גיין בעטן פון א תלמיד, אז ער זאל אים אויסלערנען, נאר ער האט אזוי געטון.

**די** גמרא פרעגט אבער, פארוואס האט אבימי געדארפט פארן צו זיין תלמיד רב חסדא, ער האט דאך געקענט רופן דעם רב חסדא, צו אים אין ספרים שטוב, און אים בעטן אז ער זאל אים צוריק אויסלערנען מסכת מנחות. זאגט די גמרא, סבר, ער האט געהאלטן, הכי מסתייעא מילתא טפי, אז ער וועט האבן מער סייעתא דשמיא ווען ער וועט זיך מטריח זיין, און פארן צו זיין תלמיד לערנען ביי אים די מסכת. און רש"י זאגט, ווייל יגעתי ומצאתי תאמין, אז מען וויל קונה זיין תורה, דארף עס זיין מיט א יגיעה. **יגיעה מיינט נישט דוקא מען זאל זיך פלאגן אויף די גמרא, נאר יעדע יגיעה וואס מען האט, און עס איז פאר תורה, האט מען סייעתא דשמיא.** זעהט מען דעם געוואלדיגען כח וואס איז דא אין יגיעת התורה, אז תורה שלמדתי באף היא שעמדה לי.

**און** וועגן דעם איז דא אזוי ווייניג וואס זענען זוכה צו שלימות פון די תורה, אדם אחד מאלף מצאתי, ווייל ווען עס קומען אן די שוועריקייטן, הייבט מען אויף די הענט, און מען גייט נישט ווייטער, נאר מען בלייבט שטעקן אינדערמיט, עס לערנט זיך נישט, און דארט ליגט זיין הצלחה, ווייל די תורה וואס מען לערנט מיט פלאג, ווען עס קומט אן שווער, די תורה וועט בלייבן. תורה שלמדתי באף, היא שעמדה לי, נאר די תורה בלייבט שפעטער.

**די** גמרא (שבת קד.) זאגט, אז דער אות א' ווייזט אויף לימוד התורה, א' ב' דאס איז אל"ף בינ"ה. אלף, איז א לשון פון לערנען. פארוואס ליגט אינעם אל"ף דאס לערנען. ווייל דער אות א' איז געשריבען א' ל' ף'. אין דעם א' ל' ף' איז דא אינמיטן דער אות למ"ד, וואס איז רומז אויף לימוד התורה. וואס איז געבליבען אויסער די ל', א אל"ף מיט א פ"א, דאס איז 'אף'. קומט אויס אז אל"ף ווייזט אויף 'לימוד אף', תורה שלמדתי באף היא שעמדה לי. די חשיבות פון לימוד התורה איז נישט ווען עס קומט אן גרינג, די חשיבות פון לימוד התורה איז ווען מען האט שוועריקייטן, און פון דעסטוועגן דאך איז מען זיך מתגבר און מען לערנט, דאס איז די תורה וואס האט א הצלחה שפעטער.

**ווען** מען זאגט אדם אחד מאלף מצאתי, אז אחד איז יוצא להוראה, וועסטו פרעגן פארוואס איז נאר אחד יוצא להוראה, זאגט ער, ווייל ער איז א אדם אחד מאל"ף, ער איז פון די א' ל' ף', ער איז געווען פון די וואס זיין לימוד התורה איז געווען באף, און תורה שלמדתי באף, היא שעמדה לי, די חכמה וואס מען לערנט מיט פלאג, דאס בלייבט פארן מענטש שפעטער. וועגן דעם האט ער מצליח געווען, ווייל ווען עס איז געקומען א שוועריקייט האט ער עס געלייגט אינדערזייט, מען גיט נישט אויף, מען וועט זיך פלאגען נאכאמאל און נאכאמאל, איך וועל נישט קוקען אויף קיין שום שוועריקייטן וואס איך האב, און איך וועל ווייטער ממשיך זיין צו לערנען.

*

**יעדער** בחור, יעדער יונגערמאן, און יעדער יוד לפי מצבו האט זמנים פון עליות און ירידות, עס איז דא צייטן וואס ער שטייט העכער, און עס איז דא צייטן וואס ער האט א ירידה, ער פאלט פון וואס ער איז געווען. **און בשעת ער האט א ירידה, איז דער סדר פונעם מענטש, אז ער זאגט אז נישט ער איז דער שולד. ער זוכט א סיבה וואס האט אים צוגעברענגט דערצו, אז ער האט א ירידה. דער ראש ישיבה איז נישט גוט, די ישיבה איז נישט גוט, דער חבר איז נישט גוט, דער לאנטש איז נישט גוט, די שטוב איז א פראבלעם. אלץ וועט ער טרעפן א סיבה וואס האט אים צוגעברענגט צו דעם וואס ער האט געהאט זיין ירידה. ער וויל אבער נישט מכיר זיין, אז ער האט א פראבלעם מיט זיך אליין, עס איז א אייגענע פראבלעם. מענטשען האבן ירידות, און ער האט אויך א ירידה אין די צייט.** ער וויל אבער נישט אנערקענען אז ער איז דער שולד, זוכט ער זייטיגע זאכן וואס טוען אים בארואיגן, אז דאס איז געווען דער שולד. און אז דאס איז דער שולד, דארף איך פטור ווערן פון מיין חברותא. און אפשר ווען איך וועל פטור ווערן פון מיין מגיד שיעור וועט זיין בעסער. ווען איך וועל פטור ווערן פון די ישיבה וועט זיין בעסער. ער איז דאך נישט דער שולד, עס איז דא זייטיגע זאכן וואס ברענגען אים צו זיין פראבלעם.

**אבער** דער אמת איז נישט אזוי, נאר ווען א מענטש האט א ירידה, איז די ירידה פון אים אליין. און אז ער פלאגט זיך, איז תורה שלמדתי באף היא שעמדה לי. ער טאר נישט קוקן אויף זיינע ירידות, נישט קוקן אויף די אלע פראבלעמען, נאר אנהייבן צו לערנען פלייסיג. **מען קען אנטלויפן פון א חבר, אבער פון זיך אליין קען מען נישט אנטלויפן. און טאמער ער האט דעם פראבלעם ביי זיך, איז ווי ער וועט נאר זיין, וועט אים נאכגיין די זעלבע פראבלעם וואס ער האט. ווייל די פראבלעם איז נישט דאס וואס ער האט געמיינט, נאר דער פראבלעם איז אין זיך אליין.** און דאס איז פשט פון תורה שלמדתי באף היא שעמדה לי, וויסען אז ווען עס קומט אן שווער צו לערנען, און פון דעסטוועגען דאך איז ער זיך מתגבר, און ער לערנט, דארט ליגט זיין הצלחה אז ער זאל קענען שפעטער מצליח זיין.

**מען האלט אנהייב פונעם זמן, יעדער גייט צוריק לערנען, מען קלויבט זיך אויס די חברותות מיט וועם מען וועט לערנען, נישט זיין פארנומען מיט א**

**אנדערן, נאר זיין פארנומען מיט זיך. איך וויל שטייגען. עס איז נישט א חילוק וואס מיין ארום און ארום איז. עס איז נישט קיין חילוק וואס מיין מגיד שיעור איז, עס איז נישט קיין חילוק וואס מיין חברותא איז, איך וויל שטייגען דעם זמן. איך וועל זיצען און לערנען מן הבוקר ועד הערב, כדי איך זאל קענען די מסכת וואס מען לערנט, און די הלכה וואס מען לערנט. עס זאל אים נישט אינטערעסירן עפעס ארום און ארום. און אפילו עס קומט אן שווער, דארף ער געדענקן, אז לפום צערא אגרא, דארט ליגט זיין הצלחה. ער דארף שטיין פעסט, איך וויל אויסוואקסען א תלמיד חכם, און דעם זמן גיי איך טון אלעס, אז איך זאל קענען שטייגען אין תורה.**

**איך** האב שוין אמאל פארציילט, אז עס איז געווען א ראש ישיבה אין טעלז, **רבי מרדכי גיפטער זצ"ל**, ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, און ווען ער איז געווען א בחור, האט ער געהאט ביי זיך אין שטוב וואו ער איז געשלאפן אויסגעשטעלט בילדער פון גדולי ישראל. דער **חפץ חיים**, דער **בריסקער רב**, דער **חזון איש** וכדומה. און אינדערמיט האט ער געלאזט איין פרע"ם וואס איז געווען ליידיג אן א פיקטשע"ר. און מען האט אים געפרעגט וואס איז דער ליידיגער פרע"ם וואס ער האט צווישן די בילדער. האט ער געזאגט, אז איך קוק, אז איך זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם, און איך זאל זיך קענען פארמעסטען מיט זיי, און מיין בילד זאל זיין דארט אין דעם ליידיגען פרע"ם. און עס איז אים געלונגען. ביי טויזנטער תלמידים הענגט זיין פיקטשער צווישן די אנדערע גדולים. - דאס איז דער ציל וואס א יוד דארף האבן פאר זיך. איך וויל אויסוואקסען א תלמיד חכם, און נישט נאר א פשוטער תלמיד חכם, נאר איך וויל אויסוואקסען א גדול בישראל, אז מיין פיקטשער זאל זיין דארט אין דעם ליידיגען פרע"ם. עס קומט נישט אן גרינג, ווייל די אלע וואס ליגען אין די אנדערע פרעמ"ס האבן זיך אויף זייער געפלאגט ביז זיי זענען צוגעקומען דערצו. מען האט נישט סתם אזוי אהינגעלייגט זייער בילד, זיי האבן זיך געפלאגט אויף תורה, זענען זיי אויסגעוואקסען. און אז איך וועל נעמען אויף מיר, אז איך וועל זיך אויך פלאגען אויף תורה, וועל איך אויך קענען זיין צווישן די וואס זענען דארט.

**אסאך מאל ווערט א מענטש צובראכען פון זיין עבר וואס ער איז אדורכגעגאנגען. איך האב דעם פאריגען זמן נישט געהאט א גוטע זמן, עס איז שוין א יאר צוויי וואס איך האב נישט מצליח געווען, קומט אריין א יאוש, אז פון מיר וועט שוין גארנישט אויסוואקסען, איך וועל שוין נישט קענען שטייגען. איך האב זיך שוין אזויפיל מאל געפלאגט, און איך בין נישט אנגעקומען דערצו. עס טאר נישט זיין, א מענטש טאר נישט קוקען אויף זיין עבר, עס איז נישטא קיין יאוש קיינמאל.** רבי עקיבא האט אנגעהויבען צו לערנען ביי די פערציג יאר, רבי אליעזר האט אנגעהויבען צו לערנען ביי די עלטער, רבי עקיבא האט נישט געקענט אלף בית ביז די פערציג יאר, און ער איז אויסגעוואקסען א תנא רבי עקיבא. עס איז קיינמאל נישט שפעט, אוודאי האט ער געהאט א געוואלדיגע מסירת נפש, ער האט איבערגעלאזט די שטוב, ווייב מיט קינדער, און אוועקגעפארן לערנען. פיר און צוואנציג יאר איז ער נישט געווען אינדערהיים, נאר געזעסן און געלערנט, ביז ער איז אויסגעוואקסען דער הייליגער רבי עקיבא. מען רעדט נישט פון אזעלכע סארט מדריגות וואס זיי זענען געווען, מיר זענען נישט אין די מדריגות, אבער יעדער קען זוכה זיין צו תורה, נישט זיין צובראכען פון א עבר וואס איז געווען. וואס עס איז געווען איז געווען, אני היום ילדתיך (תהלים ב-ז), **מען דארף אנקומען אין ישיבה אנהייב זמן, כאילו איך בין א נייע מענטש. איך הייב יעצט אן מיט א נייעם חשק, מיט א נייעם כח, מיט א נייעם רצון, איך וויל אויסוואקסען א תלמיד חכם.**

**מען** דארף געדענקען, אין לך דבר שעומד בפני הרצון (זוה"ק ח"ב קס"ב:), ווען א מענטש האט א רצון, ברעכט ער אייזן. מען זעהט אסאך מאל יונגעלייט וואס האבן נישט מצליח געווען אין ישיבה, און ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען פון ישיבה זענען זיי געווארן אזעלכע געלונגענע ביזנעסלייט, מיט שכל און מיט קאפ, זיי פארשטייען א געשעפט, זיי זענען געווארן שפעטער סוקסעספולע מענטשען. ער איז נישט קלוגער געווארן פון וואס ער איז געווען אין ישיבה, ער איז דער זעלבער מענטש. נאר אין ישיבה האט ער נישט געהאט א רצון, און אז ער האט נישט געהאט א רצון, איז ער געבליבן וואס ער איז

געבליבען, אבער ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון ישיבה, צו מאכען געלט האט ער געהאט א רצון, און אז ער האט געהאט א רצון, איז ער אנגעקומען. **ווען א מענטש נוצט אויס זיין רצון צו לימוד התורה, זיין שאיפה אין לעבן איז אויסצוואקסען א תלמיד חכם, זיין שאיפה אין לעבן איז אויסצוואקסען א ערליכער יוד, און איך וועל אלעס טון אין די פאר יאר, מען רעדט נישט פון אוועקגעבן צוואנציג יאר, מען רעדט פון די געציילטע יארן וואס ער געפונט זיך אין ישיבה, די מספר יארן וואס א בחור איז היינט אין ישיבה איז זייער ווייניג, און אז ער וועט מקדיש זיין די יארן פאר תורה, וועט ער צוקומען דערצו, און ער וועט אויסוואקסען א תלמיד חכם.**

*

**תפלה,** דאווענען, איז יסודות פון יודישקייט. מען דארף שטענדיג האבן תפלה, אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, אויף אלעם דארף מען מתפלל זיין. תפלה מיינט נישט אפזאגן די דאווענען, נאר תפלה מיינט, צו דאווענען מיט כוונת הלב, אינזין האבן פירוש המלות. **און עס איז זייער וויכטיג תפלה אין די יונגע יארן, יעצט איז די צייט וואס מען דארף אסאך צו בעטן, ווייל ווי אזוי ער וועט מצליח זיין די פאר יאר אין ישיבה, אזוי וועט ער בלייבן זיין גאנץ לעבן שפעטער.** יעצט דארף ער זיך צוגעוואוינען צו דאווענען, ווען ער וועט ווערן א ביזנעסמאן, ווען ער וועט זיין אינדרויסען אויף די גאס, דעמאלטס האט ער שוין נישט קיין צייט צו דאווענען, די קאפ איז שוין נישט דארט. די שענסטע יארן פון תפלה איז, ווילאנג קיינער שטערט אים נישט. **ביזט א בחור, דו געפונסט זיך אין א מסגרת פון א ישיבה, דו קענסט אנהייבען צו דאווענען ווען מען הייבט אן צו דאווענען, און דאווענען ווארט ביי ווארט צוזאמען מיט די בעל תפלה. נישט אנהייבן צו לייגן תפילין שפעטער, און נישט ענדיגען פריער, אנהייבן צו דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען. און ווען א יוד איז מתפלל צום אייבערשטען אויף וואס ער דארף, דארט ליגט זיין הצלחה.**

**הקול** מעורר הכוונה. ווען א מענטש דאווענט הויך, איז ער אנדערש מכוון. ווען מען דאווענט שטיל, איז די כוונה נישט אזוי שטארק ווי ווען מען דאווענט הויך. **און אז מען וויל דאווענען בכוונה, דארף מען נעמען אויף זיך אז איך גיי דאווענען הויך. עס איז נישט קיין חילוק צו די חברים דאווענען הויך, צו נישט. מיין יודישקייט איז נישט תלוי אין די חברים, מיין יודישקייט איז תלוי אין מיר. איך וויל דאווענען, איך וויל לערנען, און אז דער קול איז מעורר די כוונה, דארף מען זיך נעמען צו דאווענען הויך, מיט א קול, כדי מען זאל קענען מכוון זיין וואס מען דאווענט.**

**חסידים** הראשונים היו שוהין שעה אחת לפני התפלה (ברכות לב.). מען קען נישט אריינגיין פון בעט צו דאווענען, עס דאווענט זיך נישט. **בעפאר מען גייט דאווענען דארף מען האבן ישוב הדעת, אדער איז מען עס מקדיש פאר תורה, אדער איז מען עס מקדיש פאר א מוסר ספר, עס איז נישט קיין חילוק וואס, אבער מען קען נישט אריינקומען צום דאווענען אנדעם וואס מען האט פארדעם עוסק געווען אין ענינים שבקדושה. ערליכע יודען האבן זיך געפירט אז מען האט נישט אויסגערעדט צופרי פארן דאווענען. און ווען מען האט יא אויסגערעדט, איז עס געווען ממש געציילטע ווערטער. און ווען מען האט שוין געהאלטן נאנט צום דאווענען, האט מען נישט גערעדט קיין שום דבר בטל, עס זאל נישט שטערן די כוונה שפעטער.**

*

**מען** דארף לערנען מוסר אויף מדות טובות. יעדער מענטש איז געבוירן געווארן מיט שלעכטע מדות, אין גם אחד וואס איז געבוירן געווארן מיט גוטע מדות, יעדער האט שלעכטע און געמיינע און אפילו מיאוס'ע מדות. אזוי ווייט אז ווען עס איז אים נוגע, ווען איינער שטייט אים אין וועג, קען מען איינשלינגען א מענטש לעבעדיגערהייט, איש את רעהו חיים בלעו (ע"ז ד.). דאס איז די טבע פון א מענטש. און אז מען ארבעט זיך נישט אויס די מדות, איז מען אזוי ווי א חיה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (איוב יא-יב), עיר פרא אדם יולד, א מענטש ווערט געבוירן אזוי ווי א חיה, אן קיין מדות. דאס ביסל מענטשליכקייט וואס ער האט, איז ווייל ער זעהט אביסל ביי זיין טאטן און ביי זיין מאמע ווי אזוי מען פירט זיך מענטשליך, און וועגן דעם איז ער אביסל מענטשליך. די עיקר מדות

וואס מען האט, נעמט זיך פון דעם וואס מען ארבעט דערויף ווען מען איז א בחור, און מען לערנט ספרי מוסר. יעדער ווייסט ביי זיך, אין וועלכע מדה ער איז געשלאגען, און ער דארף ארבעטן דערויף. איינער איז געשלאגען אין די מדה פון כעס, דארף ער ארבעטן אויף די מדה פון כעס, זיך נישט צו בייזערן. איינער האט קנאה, מען טאר נישט מקנא זיין יענעם. איינער האט שנאה, איינער האט א גרינג מויל, ער רעדט אויף יעדן שלעכטס, לשון הרע, רכילות, שקר, וכדומה, אלע שלעכטע מדות וואס איז דא, דארף מען אויף דעם ארבעטן. **מען זאל יעדן טאג נעמען א מוסר ספר און לערנען מוסר, נישט קיין סאך נאר אפאר מינוט, און טראכטען ביי זיך, וואס קען איך ארויסנעמען פון דעם מוסר ספר וואס איך האב געלערנט, וואס איז עס נוגע צו מיין עבודה ווי אזוי איך זאל זיך פירן שפעטער, וואס קען איך זיך אויסארבעטן צו ווערן א מענטש.** ווילאנג מען האט זיך נישט אויסגעארבעט די מדות טובות, איז אפילו מען וואקסט אויס א תלמיד חכם, פעלט פונעם שלימות פונעם מענטש. ווייל א תלמיד חכם אן מדות טובות, האט נישט די חשיבות פון א תלמיד חכם. און דאס איז אויך די צייט יעצט, ווילאנג מען איז א יונג בוים קען מען עס בייגען אזוי און אזוי, אבער ווען מען ווערט עלטער, און מען וויל זיך איבערדרייען די מדות, איז עס שוין געווארן א טבע אינעם מענטש, און עס איז זייער שווער מען זאל עס קענען טוישן.

**איינע** פון די קנינים פון תורה איז, אז מען דארף זיין א נושא בעול עם חבירו (אבות ו-ד), פארטראגען זיך איינער מיטן אנדערן. מען קען נישט קונה זיין תורה, נאר ווען ער האט די מ"ח קנינים, און ער איז נושא בעול עם חבירו. ער דארף האבן א שייכות מיט יענעם, ארויסהעלפן איינעם דעם צווייטען, וואס קען איך גרינגער מאכן פאר מיין חבר אין גשמיות, וואס קען איך אים גרינגער מאכן אין רוחניות, נושא בעול עם חבירו, איז א חלק פון קנין תורה.

*

**מען** לעבט אין אמעריקא, ווי עסן איז דא זייער ברייט, געלויבט דער אייבערשטער. **אין אלע שטובער איז צוגעגרייט פון אלעם וואס מען דארף האבן, און מען געוואוינט זיך צו פון אלץ קינד, אז מען דארף האבן אלע סארט מטעמים, וואס עס איז דא אויף די וועלט. און וואס ער האט נאר אמאל טועם געווען, זאל ער קענען עסן. עס איז היפך פון דרכי התורה.** די קנין פון תורה איז, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה, וחיי צער תחיה, ובתורה אתה עמל, אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא (אבות שם), מען רעדט נישט יעצט אז מען זאל נישט עסן קיין פוטער ברויט, און מען זאל נישט עסן קיין זופ מיט פלייש, זאכן וואס מען דארף האבן פארן געזונט פונעם מענטש, וואס דאס עסן איז א עבודת ה'. אבער מילא א קינד, עסט קענדי"ס און נאשערייען, אבער ווען מען ווערט עלטער דארף מען ליגען אין תורה. עס שטייט אין תנא דבי אליהו (פרק כ"ו, הובא בתוספות כתובות קד.) עד שאדם מתפלל שיכנס תורה לתוך גופו, יתפלל שלא יכנסו מעדנים לתוך גופו. **פאר דו בעהעטסט פונעם רבונו של עולם, עפן מיר מיין קאפ אז איך זאל קענען לערנען, בעהט א צווייטע תפלה, בעהט פונעם אייבערשטען אז איך זאל נישט דארפן אריינעמען מעדנים לתוך גופו, בעהט אז איך זאל נישט עסן א פאטעט"א טשי"פ.**

**מען גיט ב"ה צו עסן אין ישיבה ברייט, נישט ווי אינדערהיים וואס מען האט באקומען קוים א שטיקעלע ברויט מיט א קאווע, און פארדעם איז מען געזעסן און מען האט געלערנט א גאנצע טאג. מען גיט ברייטע פרישטאג'ס, מען גיט פיינע מיטאג'ס, מען גיט פיינע נאכטמאל'ס. און אויב עס איז נישט לויט זיין גוסטע, ווי אזוי ער האט געוואלט, איז די סאפע"ר גארנישט, און די מיטאג איז גארנישט, און ער דארף גיין איינקויפן דאס מיט יענס וכדומה. דאס ברענגט נישט קיין לימוד התורה, דאס ברענגט נישט קיין שטייגען אין תורה. מען דארף עסן וואס איז דא צו עסן, און עסן צו די זעט, און עסן מיט א אפעטיט, אבער מען דארף וויסען, אז אויב מען וויל וואקסען אין תורה, דארף מען אפהיטן וואס מען עסט.**

*

**שלמה** המלך זאגט אין משלי (ב-ד), אם תבקשנה ככסף, אויב די וועסט זוכען די תורה אזוי ווי זילבער, וכמטמונים תחפשנה, און דו וועסט עס

זוכען אזוי ווי מען זוכט א מטמון, אז תבין יראת ה', דעמאלטס וועסטו פארשטיין יראת ה'. ער איז מדמה, אז אויב מען וויל זוכה זיין צו יראת ה', דארף מען עס זוכן אזוי ווי מען זוכט א מטמון. ווען א מענטש האט באהאלטן א מטמון, ער האט גענומען א אוצר מיט געלט, און ער האט עס ערגעץ באהאלטן, און איינער וויל טרעפן וואו די מטמון ליגט באהאלטן. וועט דער מענטש וואס זוכט דעם מטמון אוועקגעבן וואכען און חדשים, ער וועט גראבן דא און דארט, אפילו ער זעהט נישט קיין תועלת, ער איז אין ערגעץ נישט אנגעקומען, ווייל איין טאג וועט ער טרעפן וואו דער מטמון איז, און ער וועט ווערן א מיליאנער.

**די** זעלבע איז ביי תורה אויך, **נישט אייביג זעהט מען די הצלחה תיכף, ער פלאגט זיך, און ער פלאגט זיך, ער גראבט און ער גראבט, א וואך, א חודש, א יאר, און צוויי יאר, ער האט גארנישט געטראפן. אבער ווען דו וועסט זוכען און זוכען, וועסטו איין טאג אנקומען, און דו וועסט טרעפן א מטמון, עס וועט זיך עפענען פאר דיר א נייע וועלט אין תורה. אויב דו וועסט זוכען תורה כמטמונים, אויב דו וועסט נישט צובראכען ווערן תיכף ווען דו הייבסט אן צו זוכען אז דו האסט נישט געטראפן, נאר דו וועסט וויסען אז אזוי גייט תורה, מען דארף זיך פלאגען, נאך א בלאט גמרא, און נאך א בלאט גמרא, נאך א מסכת, און נאך א מסכת, פלוצלינג זעה איך אז איך בין בקי אין האלב ש"ס, איך בין בקי אין א גרויס חלק הלכות.** אם תבקשנה ככסף, וכמטמונים תחפשנה, אויב דו וועסט עס זוכען אזוי ווי מען זוכט א מטמון, וויסען אז איך וועל איינמאל אנקומען, און איך וועל טרעפן דעם מטמון, עס וועט מיר נאר נעמען אסאך צייט ביז איך וועל זיך פלאגען און זוכען, אבער איך וועל עס טרעפן, אז תבין יראת ה', דעמאלטס וועסטו פארשטיין יראת ה'.

*

**די** תורה הק' ווערט אנגערופן אמת (ע"ז ד:), אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי כג-כג) אמת קנה ואל תמכור, קויף תורה, אבער פארקויף עס נישט. **אין די ווארט 'אמת' ליגט די אלע נקודות וואס מען האט פריער גערעדט. די ת' פון אמת, דאס איז ת'ורה און ת'פלה, די צייט פון א בחור אין ישיבה איז צו לערנען און דאווענען. די מ' איז מ'דות, וואס מען דארף ארבעטן אויף מדות. און א' איז א'כילה. דאס איז די יסודות פון א יוד אין די בחור'ישע יארן.** וויסען אז עס קומט נישט אן גרינג צו וואקסען א תלמיד חכם, עס קומט נישט אן גרינג אויסצוריסען א מדה פון זיך. אבער אז מען פלאגט זיך דערויף, סוף הכבוד לבא, דער סוף איז, אז מען וועט אנקומען. **אז מען וועט אוועקגעבן די צוויי, דריי, פיר יאר, וואס מען איז אין ישיבה, וואס מען דארף שטייגען אין תורה, וועט דער סוף זיין זייער שיין. ער וועט אויסוואקסען א תלמיד חכם, און ער וועט טרעפן א שיינעם שידוך, און א רייכען שידוך, און ער וועט האבן נאכדעם תורה וגדולה במקום אחד.**

**און** זה לעומת זה, אויב דו ווילסט זיך נישט פלאגען אויף תורה, זאלסטו אנקוקען ווי אזוי עס קוקט אויס איינער וואס האט נישט מצליח געווען אין תורה, וואס ער ווערט שפעטער מיט די צייט. אז ער איז נישט מצליח אין תורה, הייבט ער אן צו קוקען עפעס אנדערש, ער הייבט זיך אן צו דרייען אין אנדערע פעלדער, און ער ווערט אפגעריסען פון זיין שטוב, ער ווערט אפגעריסן נאכדעם פון זיינע עלטערן, ער האט נישט א שידוך, ער האט נישט א שטוב, ער וואלגערט זיך ארום אינדרויסן, ווייל ער האט זיך נישט געוואלט פלאגען צוויי יאר אין ישיבה. ווען ער וואלט זיך געפלאגט פאר תורה אין די צייט וואס מען לערנט אין ישיבה, וואלט זיין גאנצער עתיד אנדערש געווען.

**און** דאס איז אונזער עבודה אין אנהייב פונעם זמן. מען דארף אנהייבן מיט א תפלה צום אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל געבן, אז מען זאל מצליח זיין, מען זאל קענען שטייגען אין תורה, אויסוואקסען א תלמיד חכם, אויסוואקסען א עובד ה'. מען זאל קענען ארבעטן אויף די מדות, אויסצוואקסען א מענטש. א אדם גדול איז טייטש, אז ער איז צוויי זאכען. ער איז א 'גדול' אין תורה, און ער איז א 'אדם', ער איז אויך א מענטש. ער איז א 'אדם גדול', ער איז א 'מענטש', און ער איז אויך א 'גדול'. מען דארף זיין א גדול אין תורה, און מען דארף זיין א אדם, א מענטש, מיט מדות טובות.

**דער** אייבערשטער בעהט נישט קיין סאך, פתחו לי פתח כחודו של מחט, ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם (שהש"ר ה-ג). ווען א יוד זאל נאר עפענען א קליין שפיץ, אזוי ווי די שפיץ פון א נאדל, זאגט דער רבונו של עולם, אז איך וועל ענק עפענען א פתח וואס וועט זיין אזוי ווי דער פתח פונעם אולם. און ווי דער וועלט זאגט, אז עס מוז זיין אזוי ווי דער חודו של 'מחט', עס זאל דיר געבן א שטאך. ווילאנג דער פתח שטעכט דיך נישט, אזוי לאנג האסטו נאכנישט גע'עפענט א פתח כחודו של מחט. עפענען א פתח כחודו של מחט, עס זאל דיר געבן א שטאך אין הארץ, ווי אזוי קוק איך אויס, און ווי אזוי וויל איך אויסזעהן. וואס איז מיין שאיפה, ווי אזוי גיי איך מיך פארנעמען צו זיין דעם קומענדיגען זמן, איך וועל זיך נישט אפשטעלן ביי יעדע זאך וואס וועט נישט זיין אזוי ווי איך האב מיך פארגעשטעלט, נאר איך וועל זיך מתגבר זיין, עס וועט זיין תורה שלמדתי באף, איך וועל לערנען תורה מיט אלע שוועריקייטן וואס וועט מיטקומען, און דעמאלטס וועט ער קענען נאך א מסכת און נאך א מסכת, און ער וועט אויסוואקסען א תלמיד חכם.

**מען** גייט צוריק אין ישיבה לערנען, יעדער בחור האט א שאיפה, אין אנהייב אוודאי, אז ער וויל שטייגען דעם זמן. די תפלה דארף זיין צום אייבערשטען, אז עס זאל זיך נישט אפשטעלן דא, נאר מען זאל עס קענען ממשיך זיין אויף שפעטער אויך, ער זאל האבן דעם חיזוק אנצוגיין דערמיט. און אפילו עס וועט זיך אים נישט אויסשטעלן אזוי ווי ער האט זיך געחלומ'ט אז עס וועט זיין, זאל ער נישט צובראכען ווערן פון זיין מצב, נאר ער זאל אנהייבען צו ליגען אין תורה, וועט ער מצליח זיין. - זאל דער אייבערשטער געבען, אז מען זאל אויסוואקסען גרויסע תלמידי חכמים, און ערליכע יודען, יראי ה', און די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך נחת דקדושה, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יחיאל מיכל גארפינקל** ע"ה.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרה"ג רבי **פנחס יעקב אויש** ז"ל אב"ד וואלקאן.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורי השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת אחרי ב'</u>***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **מאיר זאב גאלדבערגער** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה (אשת הר"ר **שלמה גאלדבערגער** הי"ו).

*

***<u>שבת קודש פרשת אחרי ב'</u>***

בסעודה שלישית נתכבד הרה"ג רבי **חיים דוב ווייסבערג** שליט"א בברכת המזון.